

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

שבת בראשית

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו וויס

### שבת קודש גיבט א חיות און כוחות הנפש פאר די גאנצע בריאה

אויפן פסוק (ב, ג) **"וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת"** - שרייבט דער רבי א מערקווירדיגער חידוש, אז בשעת בריאת העולם האט דער רבש"ע געגעבן כח פאר די בריאה נאר צו קענען עקזיסטירן אויף זעקס טעג, און ער האט געגעבן א כח פאר דעם טאג שבת אריינצולייגן אין די בריאה א נייע גייסט אנצוגיין פאר נאך זעקס טעג, און אזוי ווייטער גיבט יעדע שבת און שבת א כח פאר נייע זעקס טעג. און ווען נישט דער טאג שבת, וואלט די וועלט חרוב געווארן נאך זעקס טעג און ס'וואלט אויסגעפעלט א נייע בריאה פון דאסניי.

מיט דעם איז דער רבי מסביר די גמרא (שבת קיט:) **"כל המקדש על היין בליל שבת כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית"**. וואס לכאורה איז שווער, וויאזוי איז שייך צו זיין א שותף אין א זאך וואס איז שוין געגצליך פארטיג?! נאר ווי געזאגט, וויבאלד די ערשטע כח אין די בריאה האלט נאר פאר זעקס טעג, און שבת גיבט א כח אין די בריאה פאר נייע זעקס טעג - ממילא איז דער וואס איז מקדש שבת א רעכטפארטיגער שותף אין די גאנצע בריאה וואס ווערט באנייעט דורכן שבת.

און מיט דעם טייטשט דער רבי דעם פסוק אין פרשת יתרו (שמות כ, יא) **"כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי"**, אז ס'שטייט נישט "כי **בששת** ימים" אז דער רבש"ע האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, נאר "כי **ששת** ימים" - אז דער רבש"ע האט באשאפן די וועלט **פאר זעקס טעג** און נישט מער, און ווען נישט דעם טאג שבת וואלט זיך דער וועלט געענדיגט נאך זעקס טעג, נאר בזכות שבת - וואס דאס איז דער כח הנפש פון די וועלט - האלט די וועלט אן אויף נייע זעקס טעג. וזה לשון קדשו: **"ובכל יום ששי לערב שכלתה תכונת העולם, יבוא שבת ויקיים העולם עוד ששת ימים אחרים"**.

אזוי שרייבט דער רבי אויך אויפן פסוק (שמות לא, יז) **"וביום השביעי שבת וינפש"** - אז **"וינפש"** איז א לשון פון **"נפש"**, צו זאגן אז שבת קודש האט א רוחניות'דיגע כח אריינצוגעבן א **נפש** און א חיות אין אלע מענטשן. לייגט צו דער רבי, אז בפרט א ניי געבוירן קינד באקומט א נפש און חיות פון שבת קודש, און דאס איז דער טעם פארוואס די תורה האט געהייסןווארטן מיט'ן מאכן די ברית מילה ביז'ן אכטן טאג, כדי ס'זאל אינצווישן אריבערגיין א שבת וואס וועט שטארקן דאס נפש פונעם קינד.

און דאס איז פשט אינעם מדרש אין פרשת תזריע וואס זאגט אז די תורה האט געהייסן ווארטן אכט טעג אויפן ברית מילה כדי דאס קינד זאל זיין אין די כוחות קומענדיג צום ברית מילה. פרעגט דער רבי: ווערט האט דערציילט אז פונקט נאך אכט טעג קומט דאס קינד צו די כוחות? נאר זיכער מיינט מען נישט די פיזישע קערפערליכע כוחות, נאר די כוחות הנפש הרוחנית, אז וויבאלד נאך אכט טעג איז שוין אריבער א שבת קודש וואס גיבט אריין א חיות אין די גאנצע בריאה - אויך אין די גוף האדם - ממילא וועט דאן דאס קינד באקומען זיינע כוחות הנפש און ער וועט זיין א בן קיימא.

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

**וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם... וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר.** (א, ב-ג)

בדרך רמז קען מען זאגן, אז דער פסוק גייט ארויף אויף די ביטערע גלות וואס כלל ישראל געפונט זיך פארזינקען אין א פינסטערן תהום וואס נעמט נישט קיין סוף [שוין 1,671 יאר]... און נישט גענוג אז די גלות איז אזוי לאנג, איז נאכדערצו **"וחשך על פני תהום"** - הערשט א שרעקליכע פינסטערניש, סיי אלס **"שיעבוד העמים וכובד עול המסים"** וואס די גוים פייניגן און באלעסטיגן די אידן וואס פארטונקעלט אינגאנצן זייער פנים, **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁלֹּא רָאָה בִּפְרַט בְּמַעֲרָב שֶׁלָּנוּ" - - -בעסער ווען מ'זעט עס ווען נישט - איבערהויפט אין אונזערע מערב לענדער** (ד.מ. **מאראקא** וואס איז אין מערב אפריקע - וואו דער רבי האט געוואוינט, און די אלע אראבישע לענדער ארום). און סיי וואס דער יצר הרע פארטונקעלט די וועלט מיט עבירות, **"וּבַעֲווֹנוֹתֵינוּ רַבּוּ פָּרִיצֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, וְהֻתַּר לָהֶם נַבְלוּת הַפֶּה וּשְׁבוּעַת שָׁוְא וְלָשׁוֹן הָרָע וְגֶזֶל"**.

זאל אבער א מענטש נישט קומען זאגן זעענדיג כלל ישראל אין אזא נידעריגע שפל המצב אז חס ושלום אבדה תקוה, נאך אזויפיל יארן אינעם ביטערן גלות האבן די אידן מער נישט וואס צו האפן אויף בעסערע צייטן ח"ו. ניין! **"ויאמר אלקים יהי אור"** ס'וועט נאך קומען א טאג וואס דער רבש"ע גייט געבן א שריי אויס **"ס'זאל ווערן לעכטיג!"** דאס הייסט די וואונדערליכע **אור הגאולה העתידה** וואס גייט אויפלייכטן די וועלט ווען משיח צדקנו גייט קומען. **"אור"** איז בגימטריא **"רָז"** - א סוד, דער רבש"ע האט גוזר געווען אז דער אור פון משיח צדקנו זאל זיין א באהאלטענע סוד וואס קיינער ווייסט נישט וואס דאס איז, אבער **"וירא אלקים את האור כי טוב"** - גליקליך איז דער וואס וועט זוכה זיין צו דעם אור כי טוב.

זאגט די תורה ווייטער, **"ורוח אלקים מרחפת על פני המים"** - "רוחו של משיח צדקנו" שוועבט אויפן וואסער, דאס מיינט די תורה **"אין מים אלא תורה"**, אז כלל ישראל גייט אויסגעלייזט ווערן נאר בזכות די תורה.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998 אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

## הלכה ודרוש

### המקור למצוות פרו ורבו

כתב רבינו (א, כח): צִוָּה אֵלָיו לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת, שֶׁהֲגַם שֶׁבֵּרַךְ אוֹתָם שֶׁיִּהְיֶה מִין הָאֱנוֹשִׁי קַיָּם, לֹא מִפְּנֵי זֶה יִתְרַשְּׁלוּ מִלִּפְרוֹת וְלִרְבּוֹת. וְרָאִיתִי דֵּעוֹת נִפְסָדוֹת בְּנִבְרָאִים מִבְּנֵי עַמֵּנוּ דִּכְשֶׁיֵּשׁ ג' אוֹ ד' אַחִים, א' אוֹ ב' מֵהֶן מִשְׁתַּדְּלִים בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה וְאוֹמְרִים כִּי הוּא זֶה קִיּוּם הַמִּין. גַּם בְּאָדָם א' כְּשֶׁיְּקַיֵּם מִינוֹ תָּבֹא לוֹ הַסְּבָרָא שֶׁלֹּא יִשְׁתַּדֵּל עוֹד לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת. לָזֶה אָמַר ה' תְּחִלַּת דִּבֶּר ה' מִצְוַת ה' בָּרָה, אָמַר "פְּרוּ וּרְבוּ" וְלֹא עָשָׂה גְּבוּל לַמִּצְוָה, וַהֲגַם שֶׁבֵּרַךְ אוֹתָם שֶׁלֹּא יִכָּרֵת מִין הָאָדָם מִן הָעוֹלָם.

בספה"ק **צמח ה' לצבי** (פר' נח, אות יט) העיר בזאת על דברי רבינו אלו שהעלה בדבריו שהמקור למצות פרו ורבו נלמד ממה שנאמר לאדם הראשון "פרו ורבו", ובאמת כ"כ בספר החינוך (מצוה א'). וצריך עיון, דבגמרא (סנהדרין נט, ב) ילפינן ליה מדכתיב אצל נח (להלן ט, א) "פרו ורבו ומלאו את הארץ", וכן כתבו הרמב"ן (שם) והרמב"ם (בספר המצוות). וביותר צריך ביאור, דרבינו להלן (שם) אכן כתב דילפינן מקרא אצל נח מצות פרו ורבו, וסותר לדבריו כאן.

ועוד העיר, דאם כבר נצטווה אדם הראשון על כך, מדוע הוצרכו נח ובניו להצטוות על כך עוד פעם. ועל זה תירץ, שנח ובניו לא רצו להתעסק בפריה ורביה לאחר המבול, כיון שחששו שאין צדיק בארץ אשר לא יחטא ויולידו לריק, ויתחייבו בניו כליה כמקודם, ולכך הוצרך להזהירם ולצוותם מחדש.

[והטעם דלא יליף בגמרא בקרא מאדם הראשון - עיין ברא"ם (כאן) ובמהרש"א (סנהדרין שם). ובישוב שיטת החינוך ורבינו, עיין שם בצמח ה' לצבי (בפרשתן אות ו') שהאריך בזה.]

### האם יש גבול מן התורה למצוות פרו ורבו

במה שכתב רבינו דאין גבול למצות פרו ורבו, צריך ביאור, דהרי איתא ביבמות (סא, ב) דקיום מצות פרו ורבו הוה לבית שמאי בשני בנים ולבית הלל בבן ובת, והחיוב ד"לערב אל תנח ידך" הוא מדרבנן. ואפשר לבאר בשתי דרכים:

א. הפשט בדברי רבינו, דאמנם יש גבול לחובת המצוה וכדברי ב"ש וב"ה, אבל לענין מצוה אין גבול, כי גם לאחר שהוליד בן ובת הוה מצוה קיומית מה"ת, וכוונת רבינו שכתב 'באדם אחד כשיקיים מינו', היינו כפשוטו, דגם כשנולדו לו בן ובת והוליד עוד מקיים בזה מצוה דפרו ורבו.

ובחמדת ישראל (קונטרס ז' מצוות ב"נ ח"א אות נ"ד) כתב מדנפשיה חידוש זה להלכה, והביא ראיה דמקיים מצוה דאורייתא. דהנה בגמ' בפסחים (עב, ב) דנו באיזה אופן שייך שאדם בא על אשתו ואינו מקיים בזה מצוה ואז אם טעה ובא על אחותה לא חשיב טועה בדבר מצוה כיון שהוא אינו עסוק בעשיית מצוה, ומוקמינן שם בגמ' בגוונא שאשתו מעוברת [ולבסוף נדחה אוקימתא זו] יעוי"ש היטב בסוגיא. ולכאורה, אם נימא דהבא על אשתו אחר שכבר קיים מצות פו"ר והוליד בן ובת, אינו מקיים יותר מצוה דאורייתא, אם כן משכחת לה שאינו עוסק במצוה, בגוונא שכבר הוליד בן ובת. ועל כרחך מדלא נקטה הגמ' ציור זה, מוכח דגם בכה"ג חשיב עוסק במצוה דהא מקיים מצות פו"ר.

אלא שיש לדחות הראיה עפימש"כ בשו"ת אחיעזר (ח"ג סי' פ"ג) דגם עוסק במצוה דרבנן חשיב טועה בדבר מצוה, יעו"ש מה שדן בזה. א"כ אפשר דהטעם שהגמ' לא נקטה ציור זה שכבר קיים פו"ר, כיון שעכ"פ מקיים מצוה דרבנן של "ולערב" וגו', וממילא חשיב טועה בדבר מצוה. [ואמנם בשואל ומשיב (קמא ח"ב סי' קע"ט) כתב שהאחרונים הסכימו דבמצוה דרבנן ליכא דין טעה בדבר מצוה, וכן הוכיח בתשובות הגרי"ח זוננפלד (החדשות, סי' ט'), ואכמ"ל. אכן עדיין י"ל דחיוב מדברי קבלה כהא ד"ולערב אל תנח ידך" אלים טפי, וחשיב טעה בדבר מצוה]. וע"ע בשו"ת פרי יצחק (סי' מ"ב).

ב. **בברכת שמעון** כתב, דחידוש הוא לומר כן דיש מצוה קיומית לאחר שהוליד בן ובת. ולכן פירש דכוונת רבינו היא, להוציא מהדעות הנפסדות הנזכרים בתחילה דסוברים דחיוב פריה ורביה הוא רק משום קיום המין, וממילא לפי זה אם יש כמה אחים, הרי שמספיק אם מקצתם מקיימים המצוה. וכך גם באדם אחד כשיקיים מינו - היינו כשיולד לו בן אחד וא"כ קיים מינו ומניח בן במקומו - תבוא לו הסברא שלא ישתדל עוד לפרות ולרבות. לזה ממשיך רבינו באומרו דלא עשה גבול למצוה, כי הגם שזהו הטעם הפשוט שלא יכרת מין האדם מן העולם, אין זה הטעם והגבול היחידי להמצוה, שהרי כבר מובטח לנו מפי הקב"ה שבירך שלא יכרת מין האדם מן העולם, וא"כ לא יוכל לפטור את עצמו לקיים המצוה מכח סברא זו.

## אגדה וחסידות

### טעם שנקרא שבת שאחר סוכות 'שבת בראשית'

כתב רבינו (ב, ג): כִּי בִּשְׁעַת הַבְּרִיאָה לֹא בָרָא ה' כֹּחַ בָּעוֹלָם זוּלַת לַעֲמֹד שֵׁשֶׁת יָמִים לְטַעַם הַנּוֹדָע לוֹ, גַּם יָדוּעַ לְיוֹדְעֵי אֱמֶת. וְנִתְחַכֵּם ה' וּבָרָא יוֹם אֶחָד הוּא יִוָּדַע לַה' וּבוֹ בַּיּוֹם חוֹזֵר ה' וּמַשְׁפִּיעַ נֶפֶשׁ לָעוֹלָם שִׁעוּר הַמְקַיֵּם עוֹד שֵׁשֶׁת יָמִים וְכֵן עז"ה. וְזוּלַת זֶה הַיּוֹם הָיָה הָעוֹלָם חָרֵב בִּגְמַר שֵׁשֶׁת יָמִים וְחוֹזֵר לְתֹהוּ וָבֹהוּ וְצָרִיךְ ה' לַהֲכִינוֹ פַּעַם ב', וּבְאֶמְצָעוּת שַׁבָּת הָעוֹלָם עוֹמֵד.

בספר **אהבת חיים** (לשבת בראשית) הביא לדברי רבינו שכתב שכל קיום העולם בששת ימי המעשה הוא על ידי השבת שלפניו. וכתב שיתכן לומר, שכל ענין זה נאמר רק כאשר ששת ימי המעשה הם ימי חול גמור, אבל כאשר חל יום טוב באמצע השבוע אזי גם ששת ימי השבוע הם קודש, כפי שכתב **ביעב"ץ** בטעם שאין אומרים "ויהי נועם" במוצאי שבת כאשר חל יום טוב באמצע השבוע הבא, כי כאשר חל יו"ט באמצע השבוע נשפע על כל ימות השבוע קדושת שבת ויו"ט להגן ולהושיע. ואם כן הדברים קל וחומר, שבחודש תשרי שהוא משופע בימים טובים, ראש השנה ויום הכיפורים וימי הסוכות, שבוודאי כל ימי החודש הם חטיבה אחת של קדושת שבת ומועד, ושוב אין צריך לקדושת השבת להמשיך קיום לעולם.

ובזה מובן מנהג העולם שקוראים לשבת הראשונה שאחר חג הסוכות **שבת בראשית**, כי אחרי שעברו כל המועדים וחוזרים לימות החול, הרי זו השבת הראשונה שהעולם זקוק לקדושת השבת כדי להמשיך ולהתקיים, והשבת הוא משפיע עליו ענין של 'בראשית' דהיינו שייברא מחדש, עכ"ד.

### אמירת "ברכי נפשי" בשבת כי היא נפש העולם

בשו"ת **אפרקסתא דעניא** (חלק ד, סימן שפו) כתב בדרך אגדה, טעם המנהג **לומר בשבת קודש במנחה מזמור "ברכי נפשי"**, על פי דברי רבינו ששבת קודש היא נפש העולם והיא נותנת כח קיום חדש לעולם לששה ימים, על כן אומרים מזמור זה שבו נאמר (תהלים קד, ל) "תשלח רוחך יבראון ותחדש פני האדמה", כי יש תחיית המתים באחרית הימים, אבל ישנה גם כן תחיית המתים מדי שנה בשנה, שבכל ימות החורף כח הצמח שבאדמה הוא כמו מת טמון בארץ חבלו ואפס כח התנועה החיונית, וישנם הרבה ממיני הברואים הקטנים שבימי החורף הם מתים שוכני קבר, ובימי האביב תקום טבע האדמה לתחיה, וכל שיח השדה יציץ ויפרח ואיתם כל הברואים ההם ישובו ויחיו. ומי פעל ועשה זאת, הלא ה' הבורא ומנהיג לכל הברואים ועשה ועושה ויעשה לכל המעשים, היא נפלאת בעינינו.

וז"ש "תסתיר פניך", שבעת החורף דומה כאילו השגחת חי החיים ב"ה הוא בהסתרת פנים מכחות האדמה ויציריה, "ויבהלון וגו'. ואל עפרם ישובון". אבל כעבור ימי הסתיו - "תשלח רוחך יבראון", נעשו כולם כבריאה חדשה "ותחדש פני האדמה". וכל מזמור זה אומרים בשבת, כיון שנתבאר בדברי רבנו ששבת היא נפש העולם, על כן ביום זה אומרים מזמור "ברכי **נפשי**", עכ"ד.

ויש להוסיף על דבריו בפשטות, לפי דברי רבינו שבכל שבת נשפע חידוש פני אדמה ובהתחדשות הבריאה וכל העולם מקבל נפש חדש וכח קיום לעוד ששה ימים, משכך מובן ביותר שלכן אומרים מזמור זה שבו נאמר "תשלח רוחך יבראון **ותחדש** פני אדמה".

### לחם משנה הוא חלק מריבוי האכילה בשבת

כתב רבינו (ב, ג): וְעוֹד לוֹ שֶׁהוּא יָתֵר עַל שְׁאָר הַיָּמִים לֶחֶם מִשְׁנֶה שָׁלֹשׁ סְעֻדּוֹת וְתַעֲנוּגִים יְתֵרִים וְזוֹ הִיא בִּרְכָתוֹ.

משמע מדברי רבינו שענין ה'לחם משנה' הוא ג"כ חלק מריבוי האכילה בשבת, כמו הריבוי באכילת ג' סעודות והתענוגים היתירים. וקצת יש לדקדק, שהרי מבואר בפוסקים (או"ח סי' רע"ד ס"א) שאי"צ לבצוע רק על לחם אחד, וא"כ מה ריבוי אכילה יש בו [ואם משום שצריך להכין יותר לחמים, הרי יוכל לאכלם בימות השבוע].

ויש לומר, דרבינו סובר לשיטתו בספר **חפץ ה'** (שבת קיז, ב) שהיה נוהג כדעת הרשב"א (שם) שיש **לבצוע על שני הככרות בכל סעודה**, והביא סמך לזה מהזוה"ק, ואתי שפיר שהלחם משנה הוא ריבוי אכילה.

עוד יש לומר, לפי מה שפירש"י (שמות טז, ב) דלחם "משנה" היינו לחם שמשונה לשבח בריחו ובטעמו. ולזה נתכוין רבינו, שמכח ברכת השבת הלחם משונה בטעמו ובריחו, ולא רק בדו המדבר שירד המן אלא גם בזמן הזה, כדאיתא בשבת (קיט, א) מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף, תבלין אחד יש לנו ו'שבת' שמו.

מתיקות וערבות טוב התורה

מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות וערבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד כבדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# אור החיים' – ספרו הקדוש על התורה

## מאמרים משובבי נפש להתלהט ולהתקדש בלימוד אור החיים הקדוש

כדרכו של רבינו בכל ספריו, להעמיק בשורש הדברים ולכונן עליהם את חידושיו, אף ב'אור החיים' תמך יתדותיו ויסודותיו בלשון הכתובים. ועד כדי כך הפליג, שבכמה מקומות נאלץ לפרש שלא כדרשת חז"ל. בהקדמתו התנצל על כך וכתב:

ולפעמים אמשוך בקשת הסופר בפשטי הכתובים בדרך משונה מדרשת חז"ל. וכבר גליתי דעתי, שאין אני חולק חס ושלום על הראשונים אפילו כמלא נימא, אלא שהרשות נתונה לדורשי תורה לעבדה ולזורעה אור זרוע לצדיק, וארץ החיים מעלת פירות לכל זרע זרוע אשר יזרע בה בעלה בן תורה. רק לדבר הלכה, אל אשר יהיה שמה הרוח, אשר תכנו ראשונים - אחריהם לא ישנו.

גם שלא לבדות מדעת אנוש דברים חדשים אשר לא שערום נוחלי תורה מפה אל פה, אלא על פי הקדמותיהם אשר קבלו דלי מדלי אשר דלה לנו איש האלוקים, מהם יקחו הקדמותיהם בני תורה לעמול ולעשות מסילת הכתובים ואורח ודרך ושביל ונתיב, ולהכנים בכתובים דברים שנאמרו בעל פה. פעמים רבות - במקום שנאלץ לחלוק על חז"ל בדרשותיהם - שב רבנו ומתנצל, בהדגישו כי בדרשה ניתנה הרשות לדרוש שלא כחז"ל (דוגמא לדבר, ראה - בראשית א, א אות ג; בראשית מו, ח; ויקרא יט, ג).

הגם שעיקר רצונו היה לעסוק בחיבורו בדברים הנוגעים לפשט הכתוב [כפי שרואים בכמה מקומות שכאשר דבריו מסתעפים מן הפשט הוא משתדל לקצר בהם, ובפירוש איתמר ב'אור החיים' לפרשת בשלח (שמות טו, יב) "והגם שאין דרכינו בחיבור זה לפרש מאמרי רז"ל עם כל זה הענין הוא צורך משמעות הכתוב"]. עם זאת לא נמנע רבנו מלכלול בו גם דברים הנוגעים לחלקים האחרים שבפרד"ס, כי אין אדם יכול לעסוק בפשט המקראות ולדחות את הדרש והרמז והסוד.

הרמזים שמצא רבנו בלשון הכתובים ודקדק בהם, מכוונים כדי ללמוד מתורתנו הקדושה דרכי מוסר ועבודת ה'. כי כשם שאין תיבה ואות בתורה שאינם באים ללמד, כך כל מה שהיא מלמדת - עבודת ה' היא מורה ללומדיה.

דברים אלו נשנו באריכות בשיחתו של כ"ק האדמו"ר רבי יקותיאל יהודה ה'שפע חיים' מצאנז זצוק"ל, שהפליג טובא בדברי קדשו (ש"ק משפטים תשל"ה), שדרך זו חידש מרן אור שבעת הימים הבעל שם טוב הקדוש זי"ע, שפנימיות התורה ורמזיה יידרשו בדברי מוסר השווים לכל נפש (כמבואר ב'יושר דברי אמת' (אות כד) להרה"ק רבי משולם פייבוש מזבריז' זי"ע, וראה עוד ב'יסוד העבודה' (מכתב לג) להרה"ק רבי אברהם מסלונים זי"ע, מאמרו של הרה"ק רבי דוב בער המגיד ממעזריטש זי"ע), והוסיף: "ובדרך זו הלך גם בעל 'אור החיים' הקדוש, שכתב בכל דבר רמזי מוסר ליצר הרע ויצר טוב ושטן וכדו', ואכן הכל אמת לאמתה של תורה".

על דברי רבנו ב'אור החיים' לפרשת שופטים, שהפסוק (דברים כ, א) "כי תצא למלחמה על אויבך" מרמז על מלחמת היצר - הביא הרה"ק רבי פנחס מנחם מפילץ זי"ע ב'שפתי צדיק' (שופטים אות מו) ששמע מזקנו הרה"ק רבי יצחק מאיר מגור זי"ע, בשם הרה"ק רבי שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע, שבשנים קדמוניות שהיו ישראל נלחמים באויביהם, היה הפירוש הפשוט בפסוק על מלחמת האומות והרמז על מלחמת היצר. איברא, בשנים אלו שאין לבני ישראל עסק במלחמות, אזי הפירוש הפשוט הוא על מלחמת היצר הרע.

והוסיף על כך ה'חידושי הרי"מ: "אדם קרוב יותר לפירוש הפשוט" (ראה גם ב'שפתי צדיק' פרשת שלח (אות מה)). הרי לנו דרך מופלאה שנקט בה רבנו, ברמז אליבא דפשט.

וכמה מופלא הוא לשון קדשו של רבנו ב'אור החיים', המוזהב והפניני - בעושר הביטוי וחדותו, בזיו טוהרו ובשגב רגשנותו, בחנו וביופיו המיוחדים, בעומק משמעותו ובבהירות הסברתו, בשטף סגנונו ובמתק מליציותו - עד כי נדיר למצוא חיבור שנכתב בלשון יהודית שכזו. שלא כחכמי דורו וארצו, שסגנון כתיבתם מתובל במליצות קשות המשנות משמעות התיבות ממקורותיהן - כדרך שהתפרסם הרב חיד"א זצ"ל בסגנונו - נקט רבנו במליצות השוות לכל נפש, והיא סובלתן ומסתגלת אליהן.

הוא שהדריך הגה"צ רבי יהושע בוקסבוים אבדק"ק גאלאנטא זצ"ל הי"ד, במכתב לבנו ('נחלי יהושע' מכתב ו): "טוב הדבר שתלמוד חומש רש"י בע"ה, ולדעתי תקבל על עצמך ללמוד עם פירוש 'אור החיים', כי תראה חידוש בעזרת ה' היאך הדבר לתועלת גדול, ואם לא עכשיו - אחר כך לא יגיע זמן רב לזה. ובאמת, בתחילה צריך ללמוד במתון להרגיל ללשונו הק', ואחר כך תהיה בניקל".

ומנגד, נכתבו דבריו בתמצית מרוכזת, ברמזי רמזים, במשמעות החבויה בכל תיבה, וזולת צדיקי הדורות אין בנמצא מי שישיג את כל אשר גנז רבנו בספרו. ראה ב'אוהב ישראל'(פרשת שקלים) להרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע, שהביא מדברי רבנו ובטרם גשתו לבארם כתב: "ונבוא להרחיב הדברים ולבארם, ובזה יתבארו דברים נפלאים וסודות עליונים".

וב'אור המאיר' (דרוש לפסח) להרה"ק רבי זאב מזיאטמיר זי"ע, שסמך תמך מדברי רבנו לאחד מרעיונותיו והוסיף: "ובמאמרינו הנ"ל יתכן לך להבין את דבריו המועטים המחזיקים מרובים".

סיפר הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, כי פעם שאל הרה"ק רבי יעקב יצחק 'החוזה' מלובלין זי"ע את תלמידו הרה"ק רבי מאיר'ל מאפטא זי"ע אם לומד הוא בספר 'מאור עינים' להמגיד מטשערנוביל זי"ע. כשהשיב בשלילה, תמה עליו הרה"ק מלובלין ואמר: "פליאני עליך שאינך לומד בספר זה. על עצמי יכול אני להגיד, שלא מצאתי בשום ספר דברים מופלאים כפי שמצאתי בשלושה ספרים אלו - הזוהר הקדוש, 'אור החיים' הקדוש ו'מאור עינים'".

הוא שהפליגו צדיקים בשבח הספר, שהוא בבחינת 'כרכא דכולא ביה', בלול בכל חלקי התורה וענפיה, כמשל שהמשיל כ"ק האדמו"ר בעל ה'ברכת אברהם' מסלונים זצוק"ל: כמו שנוטלים כמות גדולה של פולי קפה ומהמיצוי שלהם מכינים תמצית בקופסא קטנה, כך הספר 'אור החיים' הקדוש הוא תמצית שיש בו הכל, ממדרשי חז"ל וזוהר הקדוש ודרכי האמת ---

ב'ברכת אהרן', להרה"ח רבי אהרן הויזמאן ז"ל, מובא שכ"ק האדמו"ר רבי יוחנן מקארלין זצוק"ל אמר בביקורו בארץ ישראל: "אין אור החיים איז דא אלעס. לומדות, און חסידות. דאס איז א סגולה צו אמונה" (= ב'אור החיים' יש הכל. לומדות וחסידות. הלימוד בו היא סגולה לאמונה).

והאמת, שהעוסקים ב'אור החיים' תדיר ורגילים בסגנונו, ככל שהם ממשמשים בדברי קדשו ומעמיקים בשורשם, מתגלים לעיניהם רבדים נוספים של עמקות ובקיאות בלתי נתפסות במאמרי חז"ל, בש"ס ובמדרשים ובזוהר הקדוש. כאשר הגדיר הגאון רבי יצחק שמעלקיש אבדק"ק פרעמיסלא ולעמבערג זצ"ל (הנודע על שם ספרו 'בית יצחק'), בהקדמתו ל'סגולת משה' - להגה"ח רבי משה האפשטיין זצ"ל - "ספר 'סגולת משה', והוא מראה מקומות דברי הש"ס והזוהר הקדוש המובאים בספר הקדוש 'אור החיים' על התורה, אשר דבריו בקיצור נמרץ נאמרים". ואכן, היו שתמהו לפעמים על דברים שכתב רבנו ונדמו כאילו כתבם מדיליה והם מפורשים בזוהר הקדוש, ולא דקו כי כל דבריו מיוסדים על דברי חז"ל.

לבקשת רבים האבן מיר בס"ד אריינגעברענגט א נייע פרישקייט אינעם דרוקן און אינעם מפיץ צו זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער איבערצוגעבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלעכע פראגעס בנוגע די גליון, קענט איר רופין:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

# די זכיה צו באערדיגט ווערן סמוך ונראה צום ציון הקדוש

פון די מורא'דיגע זאכן וואס מ'דערציילט אויפן אור החיים הקדוש - וואס איז נישט באוואוסט זיינסגלייכן אויף אזא פארנעם ביי אנדערע צדיקים, איז די זכיה וואס צדיקים האבן זוכה געווען צו קומען לקבורה סמוך ונראה לציונו הקדוש אויפן הר הזיתים.

אזוי ווערט דערציילט צווישן חסידים, אז הרה"ח רבי **זאב ליפקין** ז"ל - פון די ערשטע חסידי קארלין אין ירושלים עיה"ק וועלכער איז ארויפגעפארן קיין ארץ הקודש בחייו פון זיין רבי הרה"ק דער "בית אהרן" זי"ע - האט זיך איין נאכט אויפגעכאפט מיט א שוידערליכע חלום, אין וועלכע ער האט געזען א גרויסע קבוצה חסידים טראגן א מיטה אויף א לויה אין די געסלעך פון אלט שטאט.

ער האט זיך אפגעשטעלט און געפרעגט די מלוים וועמען זיי פירן, האבן זיי געענטפערט: אז דער הייליגער קארלינער רבי איז נסתלק געווארן, און זיי נעמען אים יעצט צו באערדיגן למנוחת עולמים. מיט גרויס צער אויף די הסתלקות פון רבו המובהק האט ער זיך אנגעשלאסן מיט די באגלייטער, גייענדיג די גאנצע וועג ערשטוינט און פארוואונדערט, ווייל ער האט געדענקט אין חלום אז דער רבי וואוינט אין קארלין, איז וויאזוי איז ער פלוצלינג אנגעקומען קיין ירושלים?! האט ער נישט געקענט פארשטיין.

די לויה איז געגאנגען, ביז מ'איז אנגעקומען צום הר הזיתים אינדרויסן פון חומת עיר העתיקה. דארט האט ר' זאב געזען וויאזוי מ'גראבט א קבר דארט נעבן ציון פונעם אור החיים הקדוש, און מ'באערדיגט דארט זיין רבי דער בית אהרן זי"ע.

ווען ר' זאב האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האט ער גוט געדענקט דעם חלום און ער איז געווען אינגאנצן צושטורעמט. ער האט זיך נישט דערוואגט צו דערציילן פאר קיינעם וואס ער האט געזען, ווייל ער האט געציטערט וואס זיינע חברים וועלן רעאגירן אויף דעם - ווען אלע ווייסן דאך אז דער רבי איז נאך בחיים חיותו. אבער צופיל ברירות האט ער נישט געהאט, ווייל ווען ער איז געגאנגען מאכן "הטבת חלום" - האבן אים די חסידים אין בית המדרש צוגעדרוקט אז ער מוז דערציילן וואס ער האט גע'חלומ'ט.

ענדליך האט ער זיך אונטערגעגעבן, און דערציילט פאר זיינע חברים די שוידערליכע חלום. גלייך זענען זיי אים באפאלן מיט ביטערע קלעפ פאר'ן זיך טרויען ארויפצוברענגען אויף זיינע ליפן אזעלכע שטותים והבלים. "וואספארא דמיונות רעדסטו?!" האבן זיי אים באשריגן, "דער רבי לעבט און ער איז געזונט און שטארק!!!"

אבער בלויז צוויי וואכן זענען זיך פארלאפן און די ביטערע בשורה איז ליידער אנגעקומען צו די קארלינער חסידים פון ארץ ישראל, אז גענוי פערצן טעג צוריק - י"ז סיון תרל"ב - איז דער רבי דער הייליגער "בית אהרן" נסתלק געווארן לגנזי מרומים. דאן האבן זיי פארשטאנען אז די גאנצע מעשה מיט די חלום איז אמת. ווי ערשטיטערט זיי זענען געווען אז זייער רבי האט זוכה געווען צו קומען ליגן סמוך ונראה למחיצתו הטהורה פונעם אור החיים הקדוש.

*

אן ענליכע מעשה ווערט דערציילט אין הקדמה צום ספר "דברי יוסף" וואס הגאון ר' **יוסף שלוש** זצ"ל - ראב"ד 'עדת המערבים' אין ירושלים עיה"ק - דערציילט אויף זיין טאטע הגה"ק ר' **דוד שלוש** זצוק"ל פון די חכמי וצדיקי **מאַראַקעֶש** (א שטאט אין מאראקא).

זיין טאטע איז נסתלק געווארן אין יאר תרנ"ג, איבערלאזנדיג איין בן יחיד'ל וואס איז געבוירן געווארן לעת זקנותו - אין עלטער פון בלויז צוויי יאר אלט. [די מעשה איז געווען אז דער ר' דוד האט ליידער פארלוירן עטליכע קינדער בחייו ר"ל, און ווען זיין יונגסטער זון איז אויך קראנק געווארן, איז ר' דוד אריין אין בית המדרש און זיך געשטעלט איינרייסן ביים ארון קודש אז ער זאל גיין אנשטאט זיין זון, וכך הוה, באלד דערויף איז ר' דוד נסתלק געווארן און זיין זון איז צוריק געזונט געווארן לחיים ארוכים.]

אפאר יאר נאך ר' דוד'ס פטירה האט ער זיך באוויזן אין חלום צו זיין אלמנה, און איר געהייסן ארויפגיין קיין ירושלים עיר הקודש מתפלל זיין על קברו. אנפאנג האט זי זיך נישט וויסנדיג געמאכט צום חלום, אבער ווען דאס האט זיך איבערגע'חזר'ט דריי נעכט נאכאנאנד האט זי פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוט'ע זאך. זי איז געגאנגען פרעגן די חכמי ירושלים וואס צו טון, און זיי האבן איר געזאגט אז זי זאל פאלגן וואס איר מאן האט געהייסן. זי איז טאקע ארויף קיין ירושלים, און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביי זיין ציון באוויינענדיג איר גורל אלס אלמנה, ווי שווער ס'איז איר אליינס צו האדעווען זייער איינציג געבליבענער בן יחיד.

יענער נאכט ווען זי האט זיך געלייגט שלאפן האט זיך ר' דוד ווידעראמאל באוויזן צו איר, און דאן האט ער איר געזאגט: "וויין נישט און זיי נישט צובראכן, וויסן זאלסטו אז מ'האט אריבער געפירט מיין מקום מנוחה, און יעצט ליג איך סמוך ונראה צום ציון פונעם אור החיים הקדוש אויפן הר הזיתים! פון היינט אן, ווען דו וועסט וועלן מתפלל זיין און מעורר זיין מיין געדענקעניש, גיי צום ציון פונעם אור החיים הקדוש און דארט זאלסטו מתפלל זיין!"

## ללמוד 'אור החיים' הקדוש על הפרשה

סגולות רבות נאמרו על לימוד ספר 'אור החיים' הקדוש כפי ששח **הרה"ק מקאריץ**: "כשם שהתנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי זיע"א היה 'משיח בדורו', כן רבנו ה'אור החיים' הקדוש". ומהאי טעמא, כשם **שהלימוד בזוהר הקדוש הוא מסוגל לנשמה, כן הלימוד בספר 'אור החיים' הקדוש**".

בדרך אחרת מוארת אותה נקודה במשנתו של כ"ק **האדמו"ר רבי מאיר אביחצירא** זצוק"ל, שאמר: "לא רק הלימוד בזוהר הקדוש מקדש ומטהר... גם הלימוד בספר הקדוש 'אור החיים' מקדש כלימוד זוהר. כי **ספר שמחברו למד תורה במסירות נפש, מביא ללומדיו קדושה**".

כן כתב גם כ"ק האדמו"ר בעל **ה'ברכת אברהם' מסלונים** זצוק"ל, במכתב הדרכה (מכתבי קודש צט): בכדי לטהר הנשמה במילים הקדושים תלמד 'אור החיים', שצדיקו של עולם מרוזין זיע"א אמר שאור התורה שבזוהר ישנו גם ב'אור החיים' ומטהר הנשמה, ויותר קל להבין קצת ובמילא זה **נכנס יותר אל לב ומוח**".

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולוב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com